ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֺן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים

תשפ"ד

334

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק, וֶוען מַיין מַאן דַארְף מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן? ............א
קֶען אִיךְ פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער דִי הֲלָכוֹת פוּן דִי חוּפָּה? .......................ה
פַארְוָואס אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר? ..............................ז
קֶען אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט עֶרְלִיךְ? ........................ח
זָאל אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן? ........................ט
פַארְוָואס פַארְשְׁפְּרֵייט מֶען נִישְׁט דִי סְגוּלָה פוּן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זי"ע? ....... יא
דַארְף אִיךְ זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אַז מַיין "קַו הַחַיִּים" טוֹיג נִישְׁט? ..........................יב
בַּיים קַבָּלַת פָּנִים פֶעלְט אוֹיס צוּ נֶעמֶען אַ גְרַאמֶער? ...............................יד
קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי? ............ טז
וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְרַמֵּז פַאר מַיין מַאן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן? ............ יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דִי פֵייעֶר הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.....................................א
אִיר דַארְפְט אַייךְ גָארְנִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן וָואס דִי דָאקְטוֹירִים שְׁרֶעקְן אָן ........ג
וֶוען דִי זֵיידֶע בַּאבֶּע גֶעבְּן צוּפִיל נָאךְ פַאר דִי אֵיינִיקְלֶעךְ....................ד
חַבֶר'טֶעס וָואס רֶעדְן פוּן תְּפִלָּה, נִישְׁט פוּן טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע.....................ה
חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט מַאךְ אַ סְעוּדָה פוּן פְרוּכְט מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער ..........ו

רֶעד רוּאִיג, רֶעד מִיט אַ שְׁמֵייכְל, רֶעד פַּאזֶעטִיוו ........ ז

חַזֶר'ט זִיךְ אֱמוּנָה, אוּן הֶערְט נִישְׁט נֵייעֶס, וֶועט אִיר קֶענֶען לֶעבְּן ........ ז

אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז עֶנְג, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִיר ........ ח

דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט הַשְׁגָחָה ........ ט

מִיר פַאַרְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַאַרְשְׁטֵיין ........ ט

אַ לֶענְגֶערֶע, אָבֶּער בֶּעסֶערֶע, וֶועג צוּ מַאכְן קִינְדֶער פָּאלְגְן ........ י

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן נִישְׁט פַאַרְשֶׁעמֶען דָאס קִינְד ........ יא

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ שְׁטְרֶענְגְסְט זִיךְ אָן צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם לֶערְנֶען ........ יא

גֶעב זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן פַאַרְדָארְבֶּענֶע מַדְרִיכִים ........ יב

וֶוען יֶעדֶער אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ ........ יג

שְׁפִּילְט נִישְׁט מִיט קַיין קֶעץ ........ טו

דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה, דִי הָאבְּן שֶׁפַע ........ טו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק, וֶוען מַיין מַאן דַארְף מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזֶען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוְון וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט, אָבֶּער מִיר הֶעלְפְט עֶס סַיי ווִי, אַלְץ נָאכְן שְׁרַייבְּן אוּן שִׁיקְן אַ בְּרִיוו ווֶוערְט מִיר פִיל גְרִינְגֶער, אִיךְ רֶעד נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם פוּן וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ שְׁרַייבּ בְּרִיוו צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ ווִיל זִיךְ דָא אוֹיסְוֵויינֶען; אִיךְ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אוּן פְרֵיילִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַרָאפּ, אִיךְ ווֶער דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אָנְגֵיין ווַייטֶער ווִי גָארְנִישְׁט וָואלְט גֶעוֶוען. ווֶען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אִיז יֶעדֶער פְרֵיילִיךְ, אִיךְ דַארְף אָבֶּער דִי כֹּחוֹת זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן אָנְגֵיין, אֵיינֶער זָאל מִיךְ שְׁטַארְקְן, אֵיינֶער זָאל מִיר זָאגְן אַז אִיךְ טוּ גוּט, אַז אִיךְ בִּין גוּט, אַז אִיךְ זָאל ווַייטֶער גֵיין אִין לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן פוּן מִיר, אַז אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף מִיר אוּן עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן וָואס מַיין מַאן טוּט.

אִיךְ שְׁפִּיר אַ שְׁטַארְקֶע אַחְרָיוּת, אִיךְ פִיל אַז אַלֶעס אִינְדֶערְהֵיים לִיגְט אוֹיף מִיר, דִי רוּחְנִיּוּת, דִי גַשְׁמִיּוּת, דִי שִׂמְחָה, דִי שָׁלוֹם, דִי לִיבְּשַׁאפְט. ווִי אַזוֹי אִיךְ בִּין, אַזוֹי וֶועט מַיין מַאן זַיין. אָבֶּער קוֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ אַלֵיין מְחַזֵק זַיין, אִיךְ הָאבּ צוּפִיל אוֹיף מַיין קָאפּ, אוּן אִיךְ ווִיל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ צוּפְרִידֶענֶע מַאמֶע, אוּן עֶלְטֶערְן וָואס לֶעבְּן מִיט שֶׁעצוּנְג

און לִיבְּשַׁאפְט. און אַז קֵיינֶער גֶעבְּט מִיר נִישְׁט קֵיין חִיזוּק װֶערְטֶער, מוּז אִיךְ זִיךְ אַלֵיין עֶס גֶעבְּן.

אִיךְ מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ און אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ דַארְף, עֶס הַאלְט זִיךְ אָבֶּער נָאר בִּיז װֶוען עֶס פְּלַאצְט, בִּיז װֶוען אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן ווִי אַזוֹי מַיין מַאן פִּירְט זִיךְ אוֹיף. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס. מַיין מַאן קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, עֶר בַּאהַאלְט פוּן מִיר זַאכְן. עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ טַאקֶע מִיטְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. עֶר אִיז גֶעטְרֵיי צוּ מִיר, עֶר הֶעלְפְט מִיר, עֶר דַאװֶוענְט און עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז כָאטְשׁ דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער װֶוערְט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, אָבֶּער פוּן מָאל צוּ מָאל צִיפְּט עֶס מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס צֶעמִישְׁט מִיךְ, וואוּ הַאלְט עֶר אִין זַיין לֶעבְּן? עֶר אִיז דָא, אָדֶער דָארְט? עֶר טְרַאכְט פוּן אַנְדֶערֶע, אָדֶער דַארְף עֶר מִיךְ? בִּין אִיךְ גֶענוּג גוּט פַאר אִים? אִיז עֶר צוּפְרִידְן פוּן מִיר?

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי דִי גֶעפִיל אַז אִיךְ לֶעבּ מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶענַארְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, און נַארְט מִיר נָאכְאַלְץ אוֹיס, מִיטְן בַּאהַאלְטְן זַאכְן פוּן מִיר. אִיךְ הָאבּ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִיס, צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אַ לִיבְּשַׁאפְט און טְרָאסְט, אִים גֶעגֶעבְּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, מִיט רוּאִיגְקֵייט און שִׂמְחָה און לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער אִיךְ בַּאקוּם גָארְנִישְׁט צוּרִיק פוּן דֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ מִיר, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ רוּף אִים שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אִיךְ שְׁטֶער אִים, אוֹיבּ אִיךְ רוּף אִים פְרֶעגְן װֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים, שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ לוֹיף אִים צוּפִיל נָאךְ. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ כָאטְשׁ פוּן מַיין זַייט שְׁפִּירְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ מַאן? אִיךְ ווִיל זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן, טוּן נָאר וָואס מֶען דַארְף, און זַאכְן זָאלְן מִיךְ אוֹיפְהֶערְן שְׁטֶערְן.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַצְלִיחַ זַיין צוּ לֶעבְּן רוּאִיג מִיט אַ שְׁטָאלְצְקֵייט, און נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט וָואס מַיין מַאן טוּט? עֶר קוּמְט אַסַאךְ מָאל אַהֵיים שְׁפֶּעט, און דֶעמָאלְט טְרַאכְט אִיךְ אַלְץ, 'וָואס טוּט עֶר יֶעצְט?' 'וואוּ אִיז עֶר יֶעצְט?' ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ לֶעבְּן מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן? אִיךְ ווִיל עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן וָואס עֶר טוּט, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס אָבֶּער בַּאוַוייזְן? עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט.

יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט װֶוער אִיךְ זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט און צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ פַארְלִיר דִי כֹּחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין, אִיךְ מוּז בַּאקוּמֶען חִיזוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ צַייט צוּרִיק, דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק מִיט דֶעם [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אָבֶּער אִיךְ ווִיל הָאבְּן נָאךְ חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִי״ם, י״ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס הָאדֶעוֶועט אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן אוּן הַאלְט אִיר שְׁטוּבּ מִיט צֵיין אוּן נֶעגְל; אוֹיף דִי פְרוֹיעֶן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, צוּלִיבּ דִי פְרוֹיעֶן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן מִצְרַיִם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי תְּהִלִּים, סִימָן תשצה) בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, דִי קְלוּגֶע פְרוֹיעֶן – זֶענֶען מִיר אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם. דִי מֶענֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט אוּן פַארְפְּלָאגְט פַאר דִי מִצְרִיִּים – אַזוֹי ווִי הַיינְט; מֶען הָאט גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין מַאכְן גֶעלְט, אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה, אִין דִי מ״ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי מֶענֶער זֶענֶען נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען צוּ דִי ווַייבֶּער; וָואס הָאבְּן דִי קְלוּגֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן גֶעטוּן? זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיפְן פֶעלְד, דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער וַואסֶער מִיט קְלֵיינֶע פִישׁ, זֵיי הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעוַואשְׁן וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גַאנְצֶע אִידִישֶׁע פָאלְק וָואס זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֵייט צוּ אִיר מַאן, זִי קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז אִיר מַאן אִיז אִין דִי מ״ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, זִי טוּט רְצוֹן הַשֵּׁם, זִי טוּט אִיר חֵלֶק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פוּן אִיר.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת, אִיר זָאלְט

נִישְׁט אַרוֹיסְוַוייזְן קַיין שְׁוַואכְקֵייט, אִיר זָאלְט שְׁטִילֶערְהֵייט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ, אוּן הֶעלְף אַז מַיין מַאן זָאל קֶענֶען עוֹמֵד זַיין אִין דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת"; פַאר אַייעֶר מַאן זָאלְט אִיר וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שִׁיקְן זַיינֶע מַלְאָכִים אַייךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן אַייךְ נִישְׁט לָאזְן פַאלְן.

וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי עֶרְלִיכֶע קְלוּגֶע בְּרַאוֶוע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעבּוֹיעֶט זֵייעֶרֶע שְׁטִיבֶּער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט רוּת, רֶמֶז ד): "אֵין הַדּוֹרוֹת נִגְאָלִין אֶלָּא בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁבַּדּוֹר", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן פוּנֶעם דוֹר; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה יא): "בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, וּבִזְכוּתָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל", אִין דִי זְכוּת פוּן דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן מִצְרַיִם אוּן בִּזְכוּת זֵיי - וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת; דִי פְרוֹיעֶן וָואס לֵייגְן אַלֶעס אִין דֶער זַייט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם, זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוּן צִיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער - אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**דִי שְׂכַר פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער; אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַייעֶר גֶעשְׁרֵיי, אַייעֶר גֶעוֵוין, אַייעֶר טְרֶערְן, אוּן אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן; אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן אַייעֶר שְׁטוּב בִּיז אַהֶער הַאלְטְס עֶס וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט אַנְדֶעקְט אַמֶערִיקֶע, אִיר הָאט גֶעטְרָאפְן בַּיי אַייעֶר מַאן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִיר זֶעט וָואס עֶר קוּקְט, אִיר זֶעט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיר זֶעט וָואס פַאר אַ מַאן אִיר הָאט וְכוּ' - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל פַארְגֶעסְן וֶוערְן בַּיי אַייךְ און עֶר זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען חֵן אִין אַייעֶרֶע אוֹיגְן, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ בֶּעטְן פַאר אִים עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן דִי שְׂכַר פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס לַיידְן און שְׁוַוייגְן, נִישְׁטָא קַיין טִינְט און פַּאפִּיר צוּ אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן וָואס וַוארְט זֵיי אוֹיבְן אִין הִימְל, בִּשְׁעַת זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶערִיסְן וֶוען זֵייעֶר מַאן אִיז שְׁוַואךְ און פַאלְט אִין נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' - דָאךְ צֶעבְּרֶעכְן זֵיי נִישְׁט זֵייעֶר שְׁטוּבּ, זֵיי הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ מִיט צֵיין און נֶעגְל עֶס זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, זֵיי גֵייעֶן אָן מִיט אַ שְׁמֵייכְל כְּאִילוּ לֹא הָיָה.

אַייעֶר מַאן אִיז אַ גוּטֶער, עֶר אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט; עֶר הָאט נִסְיוֹנוֹת, און מִיט תְּפִלָּה און סַבְלָנוּת, און מִיט אַייעֶר חָכְמַת נָשִׁים - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נִיסִים גְּלוּיִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

### קֶען אִיךְ פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער דִי הֲלָכוֹת פוּן דִי חוּפָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דֶערְנֶענְטֶער זִיךְ שׁוֹין צוּ מַיין יוֹם הַחֻפָּה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ וִויל זֵייעֶר דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיךְ בַּאגְלֵייטְן אַ גַאנְצֶן צַייט אַלֶע יָארְן בִּיז אַהֶער, און מִיר מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַסַאךְ דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַפָּאר זַאכְן אַרוּם דִי חוּפָּה און דִי יוֹם הַחֲתוּנָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען שְׁטֵיין אַז דִי הֲלָכָה אִיז אַז דִי עֵדוּת בַּיי דִי חוּפָּה דַארְפְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווִיאַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ נֶעמֶען אֵיינֶעם

וָואס הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָן אַ פִילְטֶער? דַארְף מֶען בֶּעטְן דִי עֵדוּת זָאלְן זָאגְן אָשַׁמְנוּ פַאר דִי חוּפָּה?

בִּכְלַל הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי עֵדוּת זָאגְן עֵדוּת אוֹיף דִי קִידוּשִׁין, אוֹיבּ דִי כַּלָּה אִיז דָאךְ צוּגֶעדֶעקְט דִי פָּנִים אוּן זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז?

מֶעג מֶען קוּקְן אוֹיף דִי כַּלָּה בַּיים בַּאדֶעקְן?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אוּן אוֹיסְקְלָארְן דִי אַלֶע שְׁאֵלוֹת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִי״ם, י״ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין חֲתוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

בְּנוֹגֵעַ דִי עֵדוּת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - דָאס לָאז פַארְן רָב; דֶער רָב דֶער בַּעַל מְסַדֵּר קִידוּשִׁין, עֶר זָארְגְט פַאר כָּשֵׁר׳עֶ עֵדִים, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר חָתָן, דֶער רָב זָארְגְט אַז דִי עֵדִים זָאלְן מְהַרְהֵר זַיין בִּתְשׁוּבָה. (אַגַב וֶוען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אִיז מְסַדֵּר קִידוּשִׁין זָאגְט עֶר פַאר דִי עֵדֵי קִידוּשִׁין בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד: ״לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם תְּשׁוּבָה טוּן״), אַזוֹי אוֹיךְ וואוּ דִי חוּפָּה זָאל זַיין - דָאס לָאז פַאר דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן טוּן לוֹיט זֵייעֶרֶע מִנְהָגִים.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי קֶענֶען עֵדִים עֵדוּת זָאגְן אוֹיף אַ קִידוּשִׁין וֶוען זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט דִי כַּלָּה, דִי כַּלָּה גֵייט דָאךְ פַארְדֶעקְט דִי פָּנִים; דָאס וֶוערְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דִי פּוֹסְקִים (עַיֵּין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת דִּבְרֵי חַיִּים אֶבֶן הָעֶזֶר, סִימָן עא, וְעוֹד) וִוייבַּאלְד דִי כַּלָּה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט דוּרְךְ דִי עֶלְטֶערְן אוּן עֶס אִיז מְפֻרְסָם אַז זִי אִיז דִי כַּלָּה - אִיז דִי עֵדוּת אַ גוּטֶע עֵדוּת, (עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ אַז דִי עֵדִים זָאלְן מִיטְגֵיין צוּם בַּאדֶעקְן צוּ זֶען דִי כַּלָּה, אָבֶער בַּיי

אוּנְז פַארְלָאזְט מֶען זִיךְ אוֹיף דִי פּוֹסְקִים וָואס זָאגְן אַז דִי עֵדִים דַארְפְן נִישְׁט קוּקְן).

אוֹיף דִי פְּרַאגֶע אוֹיב מֶען מֶעג קוּקְן אוֹיף דִי כַּלָּה בַּיים בַּאדֶעקְן; וְויסְן זָאלְסְטוּ, דִי מִנְהָג פוּן בַּאדֶעקְן אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת חָתָן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): "הַכִּסּוּי שֶׁמְּכַסִּין פְּנֵי הַכַּלָּה קֹדֶם הַחֻפָּה יֵשׁ לָהּ כֹּחַ הַהוֹלָדָה", מִיטְן צוּדֶעקְן דִי כַּלָּה אֵיידֶער זִי גֵייט צוּ דִי חוּפָּה, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער; דֶעמָאלְט דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה, שְׁטִילֶערְהֵייט זָאלְסְטוּ זִיךְ שֶׁעפְּשֶׁען: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוֹיךְ דִי אַלֶע וָואס וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת"**.

דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנוּצְן דִי מִינוּטְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מִינוּטְן פוּן דִי חוּפָּה אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר גְרוֹיס; חָתָן אוּן כַּלָּה קֶענֶען אוֹיסְ׳פּוֹעֶלְ׳ן גְרוֹיסֶע זַאכְן, סַיי פַאר זִיךְ אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וִויל אִיךְ בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַזֵא גוּטֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ אוּן מַיין וַוייב הָאבְן, אַלֶעס אַ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר מַכִּיר טוֹב דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אוּנְזֶער גוּטֶע לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה, אִיךְ וִויל נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער נֶעכְטְן הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וִויל מִיךְ נִישְׁט גְרִיסְן, אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּן, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס...

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיב אִיךְ הָאב גֶעמַאכְט צַעַר, מִיטְן

אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ הֶערְן וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן, בִּיטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר זָאגְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אוֹי וֵויי אִיז מִיר אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעמַאכְט צַעַר. אִיךְ הָאבּ דִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ בֶּעט דִיר אִיבֶּער, אִיךְ זָאג דִיר דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזֶען.**

**אַמָאל פַּאסִירְט עֶס בַּיי מִיר אַז מֶען גְרִיסְט מִיר אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ.**

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אוּן זַיי מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַלֶעמֶען.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

**קֶען אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט עֶרְלִיךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען הַנָאָה צוּ הָאבְּן צוּ שֶׁעפְּן אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אוֹיךְ מַיין וַוייבּ אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' מִיט אַלֶעס.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נָאךְ לֵיידֶער אַ סְמַארְטְפָאוֹן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַרַיינְגֶעבְּן אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה אַז אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְוַויל נִישְׁט אָפְּרֵייסְן דֶערְפוּן, דָאס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶפֶּעס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיף פַּרְנָסָה אָדֶער

גוּטֶע קִינְדֶער, שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיכֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אוּן דֶערִיבֶּער הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּרִיק פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אַ סְתִּירָה, פוּן אֵיין זַייט דֶערְצֶערְן אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בֶּעט אִיךְ אִים זַאכְן; אִיז דָאס רִיכְטִיג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת וָואס דוּ טְרַאכְסְט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס - דִי מַחֲשָׁבוֹת אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעמ׳ס גֶעבֶּעט, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְּסְט.**

**בֶּעט אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת; וַוייל אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - פַּארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַּארְלִירְט סַיי דִי וֶועלְט אוּן סַיי יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן - אִיז אַזוֹי גוּט אוּן אַזוֹי זִיס.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**זָאל אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, סְפֶּעצִיעֶל ווִיל אִיךְ גֵיין אוֹיבּ אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶּער עֶס מִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אִין דִי

מִקְוֶה, אוּן נָאכְדֶעם בְּלַייב אִיךְ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ נָאךְ שְׁלֶעכְטְס.

דַארְף אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה? אִיז גֶענוּג פַּאר מִיר צוּ נֶעמֶען אַ שׁוּיעֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מִקְוֶה״ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא), וֶוען מֶען וִויל מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּכְלָלִיּוּת אוּן בִּפְרָטִיּוּת אִין פְּגַם הַבְּרִית - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ ׳מִקְוֶה׳. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): ״עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה״, אַז מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה אִיז מֶען מְבַטֵּל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן פא): ״הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין״, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים.

גֵיי פְּרִי וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז לֵיידִיג - אַזוֹי וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער. הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה, זַיי מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה - בִּפְרַט וֶוען דוּ דַארְפְסְט אַ מִקְוֶה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוּוּיסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט אַ מִצְוָה, אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען - קֶען קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס פַארְשְׁפְּרֵייט מֶען נִישְׁט דִי סְגוּלָה פוּן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זי"ע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי סְגוּלָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען גֶעשְׁרִיבְּן אִין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", פוּן הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פַארְ'ן שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בַּיינַאכְט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דִי סְגוּלָה הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן.

עֶס טוּט מִיר נָאר וֵויי אַז אִיךְ הָאבּ עֶס עֶרְשְׁט יֶעצְט גֶעזֶען, וֶוען אִיךְ וָואלְט עֶס גֶעהֶערְט פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק, קֶען זַיין אִיךְ וָואלְט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפָּארְט אַזוֹי סַאךְ שְׁוֶועריְקֵייטְן, אוּן אִיךְ וָואלְט הַיינְט גֶעוֶוען אַ רֵיינֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער אִיד.

פַארְוָואס פַארְשְׁפְּרֵייט מֶען נִישְׁט מֶער דִי סְגוּלָה, דָאס וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַזוֹיפִיל בַּחוּרִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִ"ים, י"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דִי סְגוּלָה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל יֶעדֶע נַאכְט בַּעֲוֹון קֶרִי רַחֲמָנָא לִצְלַן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זָאל אִים גֶעבְּן אַ עֵצָה, הָאט אִים דֶער מַגִּיד גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט אוּן עֶר זֶעט יֶעדֶע נַאכְט קֶרִי רַחֲמָנָא לִצְלַן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים

אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר ׳לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן׳ אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״לֶערְן יֶעדֶע נאכְט פַּאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה״. דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיטְן רֶבִּי׳ן, זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אָבֶּער שׁוֹין גֶעוָוארְן מִתְנַגְּדִים.

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פַאר אַנְדֶערֶע, דֶער אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): ״גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמְּקָרֶבֶת אֶת הַגְּאוּלָה״, דוּרְךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן - בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְאוּלָה, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר אַלֶעמֶען, אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים קֶערְט מֶען זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אַז מַיין ״קַו הַחַיִּים״ טוֹיג נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַ גְרוֹיסֶער מֵבִין אִין "חָכְמַת הַיָּד", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט בַּיים שִׁיעוּר וואוּ אוּן ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס דִי "קַו הַחַיִּים", דִי "לִינְיֶע פוּן לֶעבְּן" אוֹיפְן הַאנְט, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט שְׁוֶוער אוֹיפְן הַארְץ, וַוייל לוֹיט ווִי עֶר הָאט עֶס אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוּן לוֹיט ווִי אִיךְ זֶע עֶס אוֹיף מַיין הַאנְט, קוּקְט אוֹיס אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן.

דָאס הָאט מִיךְ גָאר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן פוּן דֶעם. אִיךְ ווִיל בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶר קֶען מִיר אוֹיסְקְלָארְן דֶעם עִנְיָן, וַוייל לְמַעֲשֶׂה שְׁטֵייט דָאךְ דִי זַאךְ פוּן חָכְמַת הַיָּד אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבְבִי"ם, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין מִיט דִי זַאכְן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן קוּקְן דִי הֶענְט וְכוּ׳, נֶעמֶען וְכוּ׳, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי זַאכְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה׳ אֱלֹקֶיךָ", זָאגְט רַשִׁ"י: "הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת, וּתְצַפֶּה לוֹ, וְלֹא תַּחְקֹר אַחַר הָעֲתִידוֹת, אֶלָּא כָּל מַה שֶּׁיָּבוֹא עָלֶיךָ קַבֵּל בִּתְמִימוּת, וְאָז תִּהְיֶה עִמּוֹ וּלְחֶלְקוֹ", עַיֵּין שָׁם.

דִי חָכְמָה פוּן קוּקְן אוֹיף דִי קְרִיצְן פוּנֶעם הַאנְט אִיז טַאקֶע אַ חָכְמָה וָואס דִי סוֹדוֹת שְׁטֵייעֶן אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (פַּרְשַׁת יִתְרוֹ), אָבֶּער דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַ אִיד אַז עֶר גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אֵיין תְּפִלָּה מִיט מִנְיָן - וֶוערְט עֶר אַ נֵייעֶ בְּרִיָ׳, עֶס אִיז נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן פְרִיעֶר, אוּן אַז מֶען לֵיינְט אֵיינְמָאל קְרִיאַת שְׁמַע מֶעגְן דִי קְרִיצְן וַוייזְן אוֹיף אַלֶעס שְׁלֶעכְט - וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן דִי שְׁלֶעכְטְס, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט צְדָקָה אָדֶער עֶר טוּט גְּמִילוּת חֲסָדִים - דַארְף מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי וָואס רֶעדְן דִי סָארְט דְּרָשׁוֹת פוּן חָכְמַת הַיָּד, חָכְמַת הַפַּרְצוּף; דָאס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן אוּן נִישְׁט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז אַ סַכָּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה, קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה", אוּן אַסַאךְ זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶעפַאלְן, "כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם", אוּן אַיינְגֶערֶעדְט אוּן פַארְפִירְט דִי וֶועלְט מִיט זֵייעֶרֶע רִשְׁעוּת, "וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי

זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶרע חָכְמוֹת. "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן אֵיידֶער מֶען טוּט עֶפֶּעס זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בַּיים קַבָּלַת פָּנִים פֶעלְט אוֹיס צוּ נֶעמֶען אַ גְרַאמֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל חִיזּוּק פַאר אַלֶע יָארְן, בִּיז וֶוען אִיךְ דֶערְנֶענְטֶער זִיךְ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ מַיין פְרֵיילִיכְסְטֶע טָאג, מַיין יוֹם הַחֲתוּנָה.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִי סִיבָּה פוּן אָנְטוּן אַ קִיטְל בַּיי דִי חוּפָּה; מֶען וִויל דֶערְמַאנֶען דֶעם חָתָן פוּנֶעם יוֹם הַמִּיתָה? מֶען וִויל צֶעבְּרֶעכְן דֶעם חָתָן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג?

בַּיי דִי חוּפָּה אִיז דָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע צַייט, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַזוֹיפִיל גוּטְס פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן; אִיךְ וֵייס אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מֶען קֶען אִין אַפָּאר מִינוּט בַּיי דִי חוּפָּה בֶּעטְן אוֹיף אַזוֹי סַאךְ זַאכְן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִין לֶעבְּן?

בַּיים קַבָּלַת פָּנִים פֶעלְט אוֹיס צוּ נֶעמֶען אַ גְרַאמֶער, צוּ אָנְוָוארֶעמֶען אִיבֶּער דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע מִינוּטְן?

דַארְף מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן בְּיוֹם הַחֻפָּה, אוֹיב מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבְבִי"ם, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען טוט אָן אַ וַוייסֶע קִיטְל פַארְן חָתָן, וַוייל מֶען וויל אִים דֶערְמַאנֶען צוּ תְּשׁוּבָה טוּן; וַוייל דִי צַייט פוּן דִי חוּפָּה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט, חָתָן כַּלָּה קֶענֶען אוֹיסְ׳פוֹעֶלְ׳ן מִיט זֵייעֶרֶע תְּפִילּוֹת פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן; דֶערְפַאר טוּט מֶען אָן דֶעם חָתָן אַ וַוייסֶע קִיטְל, אִים מְעוֹרֵר זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

יוֹם הַחֻפָּה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, מוֹהֲרָא״ש זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (קוּנְטְרֵס יוֹם הַנִּשּׂוּאִין, סִימָן א), יוֹם הַחֻפָּה אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, חָתָן כַּלָּה וָואלְטְן גֶעקֶענְט אוֹיסְבֶּעטְן גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶעמֶען, נָאר אַ שָׁאד מֶען הָאט דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער; חָתָן כַּלָּה קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דִי גְּאוּלָּה, אוּן לֵיידֶער אִיז דֶער שָׂטָן גֶעקוּמֶען אוּן גֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טָאג פוּן חָתָן כַּלָּה זֵיי צוּ פַארְמִישְׁן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט בִּילְדֶער אוּן ווִידִיאוֹס, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, אִין דִי מִינוּטְן קֶענֶען חָתָן כַּלָּה אוֹיסְבֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען, ווִי קֶען מֶען זֵיי נֶעמֶען פַאר נַארִישְׁקֵייטְן, אַוֶועק נֶעמֶען זֵייעֶר הֵיילִיגֶע מִינוּטְן.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וֶועגְן אַ בַּדְחָן בַּיים קַבָּלַת פָּנִים; עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ נֶעמֶען אֵיינֶער וָואס אִיז מְעוֹרֵר דֶעם חָתָן, וואוּיל אִיז פַאר אַ חָתָן וָואס דַארְף נִישְׁט אֵיינֶער זָאל אִים מְעוֹרֵר זַיין, עֶר אִיז אַלֵיינְס אָנְגֶעפִילְט מִיט הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אוּן עֶר אִיז עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים אוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וֶועגְן אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן; אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאל מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן בְּיוֹם הַחֻפָּה, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף יוֹם הַחֻפָּה, מֶען קֶען שׁוֹין אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַרוֹיס אִין מַיין פָּאסְטְן, סְפֶּעצִיעֶל בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּ' יֶעדֶע וָואךְ מִיטְן גִלָּיוֹן "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ", אַזוֹיפִיל גוּטֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אִין חִינוּךְ.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאב זִיךְ אַיינְגֶעפִּירְט אַז אִיךְ זָאג פַאר דִי קִינְדֶער נָאר זַאכְן וָואס אִיךְ אַלֵיין הַאלְט דֶערְבֵּיי, אָבֶּער דָאס מַאכְט מִיר אַ פְּרָאבְּלֶעם בַּיי גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ אַלֵיין טוּ עֶס נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ פָּאפֶּער אוֹיב אִיךְ וֶועל זֵיי הֵייסְן טוּן אַ זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען אִיךְ זָאג זֵיי מוּסָר אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אוּן נִישְׁט אַרוּמְשְׁפַּאצִירְן בַּיים דַאוֶונֶען, מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים דַאוְונֶען, מֶען רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם דֶערְוַוייל, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען אִיךְ דַאוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער, דַאוֶוען אִיךְ שְׁטַייטְלִיךְ, אָבֶּער וֶוען אִיךְ דַאוֶוען צוּפְרִי אִין שׁוּל, הָאב אִיךְ נִישְׁט צוּפִיל גֶעדוּלְד צוּם דַאוֶונֶען, אִיךְ קוּם אָן שְׁפֶּעט צוּם דַאוֶונֶען אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פְרִי, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיפְן דַאוֶונֶען; אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דָאס אִיז דֶערְוַוייל דִי מְצִיאוּת.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן דַאוֶונֶען, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן אוֹיף אַן אֱמֶת'ן וֶועג; אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ רֶעדְן הוֹיךְ אַזוֹי וִוי צוּ מִיר אַלֵיין אַז אַזוֹי דַארְף מֶען דַאוֶונֶען, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ צוּהֶערְן? אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי זָאגְן אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעט עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן שְׁפַּאצִירְן אַרוּם בַּיים דַאוֶונֶען, אִיז דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְן זִיךְ שְׁלֶעכְט אַיינְגֶעוואוֹינְט, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ער וֶועג אִיז יָא צוּ דַאוֶונֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ?

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ דַארְף הַדְרָכָה אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי דִי נוֹשֵׂא פוּן דַאוֶונֶען, עֶס קוּמְט כְּסֵדֶר אוֹיס בַּיי יֶעדֶע צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער אוֹיף דֶעם, אָבֶּער אִיךְ אַלֵיין בִּין וַוייט פוּן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבְבִי"ם, י"ט שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּפִלָּה, וֶועט דָאס אוֹיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קו) דוּרְךְ רֶעדְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, חִיזוּק אוּן אֱמוּנָה - צוּ אַנְדֶערֶע - פּוֹעֶל'ט עֶס אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן, "אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין", אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵּק זַיין אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "עֵצָה לָזֶה", אִיז דִי עֵצָה, "שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים", עֶר זָאל רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע, "וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵוייטְן - וֶועט עֶר אַלֵיינְס וֶוערְן מְחוּזָּק.

דֶער עִיקָר דַארְף אַ מְלַמֵּד הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי פְּרֵידָא וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נד:), רֶבִּי פְּרֵידָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אִים, מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְזָאגְן פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, רֶבִּי פְּרֵידָא מִיט זַיין גְרוֹיס סַבְלָנוּת הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז פִיר הוּנְדֶערְט מָאל. אֵיין מָאל הָאט רֶבִּי פְּרֵידָא גֶעזֶען אַז דֶער תַּלְמִיד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אֲפִילוּ בַּיי פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, פְרֶעגְט עֶר אִים: "הָאִידָנָא מַאי שְׁנָא", וָואס אִיז יֶעצְט אַנְדֶערְשׁ אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט? זָאגְט דֶער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווַייל אִיךְ זֶע אַז דֶער רֶבִּי יָאגְט זִיךְ צוּ גֵיין, טְרַאכְט אִיךְ אַגַאנְצְן צַייט אַז יֶעצְט גֵייט שׁוֹין דֶער רֶבִּי מִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, הָאט רֶבִּי פְּרֵידָא אִים גֶעזָאגְט: "הַב דַּעְתְּךָ וְאֶתְנֵי לָךְ", לֵייג צוּ קָאפּ אוּן אִיךְ וֶועל דִיר לֶערְנֶען, "הֲדַר תַּנָא לֵיהּ אַרְבַּע מֵאָה זִימְנֵי", עֶר הָאט אִים נָאכְאַמָאל גֶעלֶערְנְט פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן פִיר הוּנְדֶערְט יָאר אוּן צוּ עוֹלָם הַבָּא.

אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון פַאר דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן קִינְדֶער - טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, אַ נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה זִיךְ אַדוּרְכְרֶעדְן אוֹיבּ עֶר זָאל וֶוערְן אַ מְלַמֵד, פְרֶעגְט אִים דֶער גָאוֹן: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט", פְרֶעגְט עֶר אִים: "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס אָפְּגֶעלָאזְט?" זָאגְט עֶר: "מֶען הָאט מִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בַּאגְלֵייבְּטֶער", זָאגְט אִים רֶבִּי מֵאִיר: "וֶוער נִישְׁט קַיין מְלַמֵד; אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט שֶׁחְטְ'ן קֶעלְבְּלֶעךְ ווילְסְטוּ גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?!" זֶעט מֶען אַז צוּ זַיין אַ מְלַמֵד דַארְף מֶען זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אוּן צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט, דוּ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן צוּפְלַאקֶערְט צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אוֹיךְ דַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ אָנְצִינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט ווִיסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען זֶעט ווִי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, ווִיל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק, בִּפְרַט וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְרַמֵּז פַאר מַיין מַאן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַזַא גוּטֶע לֶעבְּן דוּרְכְן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מַיין מַאן ווִיל מִיר וַוייזְן עֶפֶּעס אָדֶער עֶר גֶעבְּט מִיר צוּ הֶערְן עֶפֶּעס, אוּן אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט הֶערְן אוּן זֶען, אוּן אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת אוֹיךְ נִישְׁט אַז עֶר זָאל עֶס הֶערְן אוּן זֶען, ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ רֶעאַגִירְן?

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אִיךְ ווִיל אִים דָאס מְרַמֵּז זַיין, גֶעבּ אִיךְ אִים אַזַא קְלֵיינֶע בִּיטֶערֶע שְׁמֵייכְל, ווִי צוּ זָאגְן אַז עֶס בַּאדֶערְט מִיר, אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְשְׁטֵייט עֶר גְלַייךְ וָואס אִיךְ ווִיל. אִיךְ ווִיל נָאר ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָדֶער זָאל אִיךְ טוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וֶוען דָאס פַּאסִירְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, כ׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אֵיין זַאךְ זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן, צוּ גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל פַאר אַייעֶר מַאן אַז אִיר הַאלְט פוּן אִים, עֶר זָאל שְׁפִּירְן ווִי אִיר שֶׁעצְט אִים, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אִים גֶעבְּן דִי גֶעפִיל אַז אִיר זֶענְט בֶּעסֶער אָדֶער מֶער פוּן אִים.

זַייט נִישְׁט פוּן דִי שְׁלֶעכְט פְרוּמֶע פְרוֹיעֶן וָואס שְׁטֶעלְן אַ פָּנִים ווִי זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיךְ אוּן מֶער פוּן זֵייעֶר מַאן; אוֹיף דִי פְרוֹי זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי כז, טו): ״דֶּלֶף טוֹרֵד בְּיוֹם סַגְרִיר״, וֶוען עֶס רֶעגְנְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ וֶוערְן אַלֶע אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אָבֶּער וֶוען עֶס רֶעגְנְט נִישְׁט - אִיז גוּט, ״וְאֵשֶׁת מִדְיָנִים״, אוּן אַ פְרוֹי וָואס קְרִיגְט זִיךְ - ״נִשְׁתָּוָה״, אִיז שְׁטֶענְדִיג שְׁוֶוער, נִישְׁטָא קַיין צַייט

וָואס מֶען קֶען אָפְּאָטֶעמֶען, זִי מַאכְט שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן דֶעם מַאן וִוי עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

אַ פְּרוֹי מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען מַאכְן אִיר שְׁטוּב אַ גַן עֵדֶן, נִישְׁט קַיין חִילוּק מִיט וֶועלְכֶע מַאן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חַתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי, "וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ, 'אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם', עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט. "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי, "וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיר מַאן דֶער צַדִיק זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ רָשָׁע. "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד", אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע, "וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִיק", אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְּרוֹי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דִי פֵּייעֶר הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִי״ם, י״ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, גֶעבּ אַרוֹיס וָואס מֶער סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר עֶרְוַואקְסֶענֶע אוּן פַאר קִינְדֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט; אוּנְז מְחַזֵּק זַיין, אוּנְז שְׁטַארְקְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן וָואס מֶער סְפָרִים פַאר קִינְדֶער. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס עֶס נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ ׳מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ׳ זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען, אַ שָׁאד יֶעדְן טָאג וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי מַעֲשִׂיוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן וִוי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיוֹת, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶע מַעֲשֶׂה קֶען הָאבְּן אַ שַׁייְכוּת מִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז מֶען פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשִׂיוֹת אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג – קֶען דָאס יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיפְפְלַאקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט פַאר קִינְדֶער, בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וִוי מוֹהֲרָא״שׁ מִיט אַ יוּנְגֶע פָּנִים – וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אַ בָּחוּר

- לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, און בַּיים עֶק בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, מֶען זֶעט פֵייעֶר מִיט רויךְ און מֶען זֶעט פֵייעֶרְלֶעשֶׁער שְׁפְּרִיצְן וַואסֶער (מַאךְ דִי פֵייעֶרְלֶעשֶׁער מִיט גְרויסֶע הִיטְן, גְרויסֶע שְׁפְּרִיצֶערְס מִיט גְרויסֶע הֶעק, עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דִי קִינְדֶער).

עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר אִין דִי יְשִׁיבָה בִּנְיָן, אַלֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַרויסְגֶעלָאפְן, אויסֶער אֵיין בָּחוּר זִיצְט אַזוֹי פַארְטִיפְט אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עֶר הֶערְט נִישְׁט דִי קוֹלוֹת, עֶר שְׁמֶעקְט נִישְׁט דִי רויךְ, עֶר זִיצְט מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת און זָאגְט מִיט אַ חַיוּת, הויךְ אויפְן קוֹל, מִיט אַ נִיגוּן - דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי פֵייעֶרְלֶעשֶׁער קוּמֶען אַרַיין און זֶעעֶן דֶעם בָּחוּר לֶערְנֶען, זֵיי גֵייעֶן צוּ צוּ אִים און זָאגְן אִים: "אַנְטְלויף וָואס שְׁנֶעלֶער, וַוייל דֶער בִּנְיָן בְּרֶענְט, דוּ בִּיסְט אִין אַ סַכָּנָה!" נָאר דֶעמָאלְט זֶעט דֶער בָּחוּר וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, און עֶר לויפְט אַרויס.

וֶוער אִיז דֶער בָּחוּר? דָאס אִיז מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אויסְגֶעפוּנֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער בְּרֶסְלֶב'ֶער רֶבִּי, און גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן מִיט גְרויס תְּמִימוּת און מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט.

מוֹהֲרָא"שׁ פַארְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט און וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דִי גְרִינְגֶע זִיסֶע הָאנִיגְדִיגֶע צוּקֶערְדִיגֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, און אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין - דָאס הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ לִיבְשַׁאפְט און הָאפֶענוּנְג צוּ לֶערְנֶען און קֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און אַזוֹי אִיז עֶר אויסְגֶעוַואקְסְן אַ גְרויסֶער צַדִּיק.

קִינְדֶער, לָאמִיר אַלֶע נָאכְמַאכְן מוֹהֲרָא"שׁ; לָאמִיר נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת און אָנְהויבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק - בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ ווערְן גְרויסֶע צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיר דַארְפְט אַייךְ גָארְנִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן וָואס דִי דָאקְטוֹירִים שְׁרֶעקְן אָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבְבִי"ם, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן, זֵיי שְׁרֶעקְן אָן אַלֶעמֶען, זֵיי זָאגְן פַאר יֶעדְן עֶפֶּעס אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, נֶעמְט עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן; אַ דָאקְטֶער הָאט רְשׁוּת נָאר צוּ מַאכְן גוּט, אַ דָאקְטֶער הָאט נִישְׁט קַיין רְשׁוּת צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן.

זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן צוּ זָאגְן, אִיר דַארְפְט אַייךְ גָארְנִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן וָואס זֵיי שְׁרֶעקְן אָן.

זָאגְט שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, בַּיי דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט זָאל מֶען זָאגְן "שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" - נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים - קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע.

זָאגְט דִי נֶעמֶען יֶעדְן טָאג: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַדִיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא"שׁ מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר

מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְגֶערְהֵייט אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיךְ אוּן הִיט דָאס קִינְד, דִי דָאקְטוֹירִים שְׁרֶעקְן מִיךְ אָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט אוּן דָאס מַאכְט מִיר אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים אַז אִיךְ הַאלְט דָאס מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיס, גֶעבּ מִיר אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַ לִיכְטִיג קִינְד, אַ הֵיילִיג קִינְד. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוען דִי זֵיידֶע בַּאבֶּע גֶעבְּן צוּפִיל נָאךְ פַאר דִי אֵיינִיקְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע, וָואס אִיז רִיכְטִיג וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער אַייעֶר מַאנְ'ס עֶלְטֶערְן אוּן דִי קִינְדֶער מוּטְשֶׁען אוּן וֵויינֶען, אוּן דִי עֶלְטֶערְן - דִי זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע - גֶעבְּן שְׁנֶעל נָאךְ אוּן אִיר ווִילְט זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן; ווִילְט אִיר ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד, אוּן אַז דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן נָאךְ פַאר דִי אֵיינִיקְלֶעךְ - בְּלַייבְּט מֶען שְׁטִיל, אֲפִילוּ מֶען הַאלְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ נָאכְגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען הָאט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג פוּן חִינוּךְ; וַוייל

מֶער נִישְׁט רִיכְטִיג וִוי נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס נִישְׁט, דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "הוּקַשׁ כִּיבּוּד אָב וָאֵם לִכְבוֹדוֹ שֶׁל מָקוֹם" (בָּבָא מְצִיעָא לב.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, זַייט מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן אוּן זַייט מִיךְ מְכַבֵּד; עֶס אִיז אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק, וֶוער קֶען זָאגְן עֶר הָאט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי עֶלְטֶערְן וִוי פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

בַּיי עֶלְטֶערְן זִיצְט מֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַז זֵיי ווִילְן נָאכְגֶעבְּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ - בְּלַייבְּט מֶען שְׁטִיל, אֲפִילוּ מֶען הַאלְט אַנְדֶערְשׁ, וַוייל כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזוֹי הַארְבּ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין לא:): "אַשְׁרֵי מִי שֶׁלֹּא חֲמָאָן", וואוּיל אִיז דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעזֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן, רַשִׁ"י אִיז מְפָרֵשׁ, וַוייל עֶס אִיז אַזוֹי הַארְבּ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוָוארֶענְט אִין דִי מִצְוָה - קֶען מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

חַבֶר'טֶעס וָואס רֶעדְן פוּן תְּפִלָּה, נִישְׁט פוּן טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ נֶעמֶען גֶעזוּנְטֶע חַבֶר'טֶעס אוּן נִישְׁט רֶעדְן מֶער מִיט דִי נַארִישֶׁע פְרוֹיעֶן וְכוּ'. קוּק וִוי זֵיי פַארְפִירְן אִיר; אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן זֵיי אִיר אַיינְגֶערֶעדְט דִי מְשׁוּגֶע'נֶע זַאךְ פוּן זִיךְ אַריינְשְׁפְּרִיצְן וַואסֶער פוּן אוּנְטְן, דִי סַכָּנָה'דִיגֶע זַאךְ פוּן עֶנֶעמֶעס, כְּאִילוּ אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען וַוייל דִי קָאוֹלֶען אִיז אָנְגֶעלֵייגְט אוּן מֶען דַארְף דָאס וַואשְׁן מִיט וַואסֶער, בְּעֵת דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי זַאכְן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל), נָאכְדֶעם הָאט דִי גְרוּפֶּע אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישֶׁע מְשׁוּגַעַת פוּן טְרִינְקֶען צֶעמָאלֶענֶע גְרָאז, אוּן יֶעצְט רֶעדְט מֶען פוּן נִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵייש; וֶוער וֵוייסְט צוּ וָואס מֶען וֶועט אִיר צוּרֶעדְן.

זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל נֶעמֶען בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ פְרוֹיעֶן פַאר חַבֶר׳טֶעס, זֵיי וֶועלְן איר מְחַזֵק זַיין מִיט אֵיין זַאךְ; מִיט תְּפִלָּה, און נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה, און אַ דְרִיטֶע מָאל תְּפִלָּה; נָאר תְּפִלָּה אִיז אֱמֶת, נָאר רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְּט; אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע, אַ רַחְמָנוּת פַּאר מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן פַארְנַארְט אִין אֱמוּנוֹת טְפֵלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט מַאךְ אַ סְעוּדָה פוּן פְרוּכְט מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבְבִי״ם, י״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה לָאִילָנוֹת; עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט מַאכְן אַ סְעוּדָה פוּן פְרוּכְט מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, און זֵיי דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ און וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז.

שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק אוֹיף דִי שֵׁיינֶע פְרוּכְט, זֵיי וַואקְסְן נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי קֶערְל וֶוערְט פַארְפוֹילְט; נָאר דֶעמָאלְט קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע פְרוּכְט, וֶוען דִי קֶערְל לִיגְט אִין שַׁאנְק בַּאקְוֶועם - קֶען פוּן דֶעם גָארְנִישְׁט וֶוערְן; אַזוֹי אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ, בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן פוּן אִים, נָאר דַּיְקָא וֶוען עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט צֶעקְוֶועטְשְׁט, עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג, עֶר אִיז בַּאגְרָאבְן טִיף אִין דֶער עֶרְד - דֶעמָאלְט - אוֹיבּ עֶר שְׁטַארְק זִיךְ און עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין; עֶס אִיז דָא אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעד רוּאִיג, רֶעד מִיט אַ שְׁמֵייכְל, רֶעד פָּאזֶעטִיוו**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען דִי לוּפְט אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן כד): ״עַל יְדֵי כַּעַס מוֹלִיד בָּנִים שׁוֹטִים״, דוּרְךְ כַּעַס הָאט מֶען קִינְדֶער שׁוֹטִים; קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט גֵייסְטִישׁ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אָנְגֶעצוֹיגְן.

בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר, שׁוֹין גֶענוּג גֶעשְׁרִיגְן, שׁוֹין גֶענוּג זִיךְ גֶערֶעגְט; יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶם וֶועג, רֶעד רוּאִיג, רֶעד מִיט אַ שְׁמֵייכְל, רֶעד פָּאזֶעטִיוו.

שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אוֹיךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת, דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה מִיט דִי יָארְצַייט סְעוּדָה - אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין. מִיר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט מִיט דִי עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא״שׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**חַזֶר׳ט זִיךְ אֱמוּנָה, אוּן הֶערְט נִישְׁט נֵייעֶס, וֶועט אִיר קֶענֶען לֶעבְּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען אִיר גֵייט אִין גַאס אוּן אִיר זֶעט דִי סְטִיקֶערְס וָואס דִי צִיּוֹנִים קְלֶעבְּן: ״לֹא עוֹצְרִים עַד שֶׁמְּנַצְּחִים״ - זָאלְט אִיר דָאס נֶעמֶען אַ רֶמֶז פַאר זִיךְ, טְרַאכְטְס ׳אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן מִיט מַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם בִּיז אִיךְ וֶועל זִיגְן, אִיךְ וֶועל אַרְבֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה אֲפִילוּ עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מִלְחָמוֹת - דָאךְ וֶועל אִיךְ וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז אִיךְ וֶועל זִיגְן׳.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע סְטִיקֶערְס וָואס זַיי קְלֶעבְּן אָן אוֹיף אַלֶע גַאסְן ווִי: ״בְּיַחַד נְנַצֵּחַ״, אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן מִיר בַּאזִיגְן; דִי סְטִיקֶערְס דַארְפְן נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, דִי סְטִיקֶערְס דַארְפְן אַייךְ דֶערְמַאנֶען פַאר אַייעֶר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, אַז מִיט שָׁלוֹם אִיז מֶען מַצְלִיחַ; מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט שָׁלוֹם הַמִּשְׁפָּחָה, אוּן מִיט שָׁלוֹם מִיט אַלֶע חַבֶר׳טֶעס.

חַזֶר׳ט זִיךְ אֱמוּנָה, וֶועט אִיר קֶענֶען לֶעבְּן, אוּן הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ דִי נַייעֶס, דִי נַייעֶס וַוארְפְט נָאר פְּחָדִים. אָבֶּער דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זִיךְ חַזֶר׳ן אֱמוּנָה, זִינְגְט נִגּוּנֵי אֱמוּנָה אוּן רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה: ״קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר״; דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ.

מֵיינְט נִישְׁט אַז אִין אַמֶערִיקֶע אִיז רוּאִיגֶער, אִיבֶּערָאל דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז וואוּיל דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז עֶנְג, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, עֶס אִיז דִיר אַזוֹי עֶנְג, אַזוֹי שְׁוֶוער וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, עֶר וַוארְט נָאר אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, דוּ זָאלְסְט עֶפֶענֶען דַיין מוֹיל אוּן זָאגְן: ״טַאטֶע הֶעלְף מִיר, טַאטֶע רַאטֶעוֶוע מִיךְ״.

בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַאוֶּוענֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט הַשְׁגָּחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ט שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ הָאף דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ דַאוֶּוענְסְט מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת; אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, צוּ דַאוֶּוענֶען מִיט מִנְיָן - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשָׁאֵיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶּוענְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אוּן אֵיין טָאג פַארְפֶעלְט עֶר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל - פְּרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַקְפִּיד צוּ דַאוֶּוענֶען מִיט מִנְיָן דַיְקָא, אוּן וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ׳ - פְּרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל וַוייטֶער קֶענֶען קוּמֶען, עֶר נֶעמְט אַוֶּועק פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ דֶער פְּרָאבְּלֶעם; זֶעט מֶען אַז דַאוֶּוענֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט הַשְׁגָּחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶערְט זִיךְ צוּם מֶענְטְשׁ אוּן טוּט זַיין וִוילְן.

שְׁרַייבּ מִיר כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ, אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן מִיט דִיר מְקוּשָּׁר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ט שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, עֶס אִיז

זִיכֶער נָאר לְטוֹבָה; מִיר וֵוייסְן נִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט און מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס און פַארְוֶוען, אָבֶּער מִיר וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס.

דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, און שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, זִי אִיז אַסַאךְ מֶער צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳, פַאר דִיר אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ אָבֶּער פַאר אִיר אִיז דָאס נָאךְ מֶער וֵוייטָאגְלִיךְ; זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן קִינְדֶער.

דוּרְךְ דַאנְקֶען וֶועלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער און קִינְדְ׳ס קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ לֶענְגֶערֶע, אָבֶּער בֶּעסֶערֶע, וֶועג צוּ מַאכְן קִינְדֶער פָּאלְגְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבְבִי״ם, י״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ מַאכְן קִינְדֶער פָּאלְגְן, אֵיינְס אִיז אַ גְרִינְגֶע און שְׁנֶעלֶע וֶועג, דוּרְךְ בַּאשְׁטְרָאפְן און אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה, אָדֶער פַארְשְׁפַארְן אִין אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער וְכוּ׳, דִי צְוֵוייטֶע וֶועג אִיז אַ וֶועג וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל לֶענְגֶער, דוּרְךְ אוֹיפְהֵייבְן און אוֹיסְלוֹיבְן, שְׁמֵייכְלֶען און גֶעבְן וַוארֶעמְקֵייט וְכוּ׳.

ווּאוֹיל אִיז אַ לֶערֶערִין וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד און סְפֶּעצִיעֶל דִי קִינְדֶער וָואס פָּאלְגְן נִישְׁט גְלַייךְ, וַוייל דִי קִינְדֶער וָואס הֶערְן נִישְׁט וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל - דִי קִינְדֶער דַארְפְן מֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער, זֵיי דַארְפְן אַזוֹי וויכְטִיג אַ שְׁמֵייכְל, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף וַוארֶעמְקֵייט און הַארְץ פוּן דִי לֶערֶערִין.

זַיין אַ לֶערֶערִין אִיז אַ חָכְמָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט אַן אַרְבֶּעט וָואס יֶעדֶע וַוייבְּל, יֶעדֶע מֵיידְל וָואס זוּכְט אַ פַּרְנָסָה

- מֶעג דָאס טוּן; מֶען דַארְף צוּלֵייגְן הַארְץ, וַוארֶעמְקֵייט, שְׁמֵייכְל אוּן חָכְמָה - וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אוֹיפְצוּלֶעבְּן דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען דָאס קִינְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר טָאכְטֶער קוּמְט אַהֵיים זָאגְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִיר, מֶען רוּפְט אִיר ׳עֶקְלְדִיגֶע מֵיידְל׳, מֶען זָאגְט אִיר זִי הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ דִי לֶערֶערִינְס זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן אִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִי זָאל זִיךְ בָּאדְן אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶערוּךְ, אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַז דֶער שָׁכֵן קוּמְט מִיטְן הַאק אוּן בְּרֶעכְט אוֹיף דִי טִיר - זָאלְט אִיר גְלַייךְ רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי, וַוארְטְס נִישְׁט קַיין מִינוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זֵייעֶר גוּט אַז דוּ שְׁטְרֶענְגְסְט זִיךְ אָן צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, י״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק צַייט - טָאג אֵיין טָאג אוֹיס - צוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע בָּחוּרִים צוּ נַאכְט סֵדֶר. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, אִיךְ זֶע בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז דָא וָואס דִי בָּחוּרִים קוּמֶען נִישְׁט לֶערְנֶען צוּם נַאכְט סֵדֶר, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ קוּמֶען, אוּן דַיינֶע בָּחוּרִים קוּמֶען

יָא וַוייל זֵייעֶר טַאטֶע, בַּיי דִיר - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען, עֶס אִיז חָשׁוּבְ'ער מֶער פוּן אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מַדְרִיכִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבבִי"ם, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער הָאט דִיר פַארְדְרֵייט דַיין קָאפּ אַז לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ אִיז תַּאֲווֹת? וֶוער הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט דִי זַאכְן?! לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין תַּאֲווֹת; אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת, אוּן מֶען לֶעבְט מִיט דִי וַוייבּ מִיט שָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין בַּעַל תַּאֲוָה.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען מִיט חַתַנִים קֶעגְן דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶערְנֶען חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי דוּ אַלֵיינְס דֶערְצֵיילְסְט, אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז דוּ גֵייסְט מִיט גוֹי'טֶעס רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָואלְסְטוּ גֶעלֶעבְט וִוי דִי תּוֹרָה לֶערְנְט - וָואלְסְטוּ גֶעהַאט אַ שְׁמִירָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מָשִׁיחַ וֶועט הֶענְגֶען אַלֶע מַדְרִיכִים וּמַדְרִיכוֹת וָואס לֶערְנֶען פַאר חַתַנִים אוּן כַּלוֹת - חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵק גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהָאנְגֶען קַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן פַארְפִירֶערְס וָואס פִירְן אַרָאפּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל; זֵיי זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט דִי זַאכְן, לֶעבּ אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט, לֶעבּ אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט צוּ לֶעבְּן, מַאךְ נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי

כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהִכָּנֵס וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הויבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת - זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דִיפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוען יֶעדֶער אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, כ' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ אִיבֶּער דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס זִי טוּט פַאר אוּנְזֶער קְהִלָּה, קְהִלַּת 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב; סְפֶּעצִיעֶל מִיטְן הֶעלְפְן אִין דִי בַאזַאר אַז דִי אֵיינְוואוֹינֶער זָאלְן קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר כִּמְעַט בְּחִנָּם קְלֵיידֶער פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אַז מֶען הָאט אַזֶעלְכֶע גֶעטְרֵייעֶ פְרוֹיעֶן וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ אוּן מִיט חֵשֶׁק - דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן אוּנְזֶער הַצְלָחָה. מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ, וִוי אַזוֹי קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַזוֹי מַצְלִיחַ, וִוי קֶען זַיין אַ קְלֵיינֶע קְהִילָה זָאל זִיךְ

אַזוֹי שְׁנֶעל בּוֹיעֶן? אַ שְׁטֶעטְל, אַזוֹיפִיל מוֹסְדוֹת - סֵיי אִין חוּץ לָאָרֶץ אוּן סֵיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹיפִיל בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אוּן מִקְוָאוֹת, אַ בֵּית הַדְּפוּס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִין אַמֶעריקֶע, אַ יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים פַאר קִימְפֶּעטָארִינְס, אוּן אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע זַאכְן, אָן קַיין עֲשִׁירִים; וָואס אִיז דֶער סוֹד? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ נֶעמְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיינְס אִיז דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה, אוּן נָאךְ אַ זַאךְ, אַז דִי גֶעטְרֵייעֶ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע - מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל - אַלֶע הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה, סֵיי דִי מֶענֶער, סֵיי דִי פְרוֹיעֶן; אַלֶע זֶענֶען דָא פַאר אֵיין סִיבָּה, צוּ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְז אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַ פְּלַאץ צוּ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט תּוֹרָה, מִיט אֱמוּנָה, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אָן קַיין חוֹבוֹת.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל אָנְהַאלְטְן אִיר גֶעטְרֵיישַׁאפְט מִיטְן הֶעלְפְן בַּיי דִי בַּאזַאר, דִי גֶעשֶׁעפְט הָאט שׁוֹין גֶעשְׁפָּארְט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אַ מִשְׁפָּחָה זָאל מִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן אַז זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעקוֹיפְט הֶעמְדֶער, הוֹיזְן אוּן קְלֵיידֶער פַאר אַלֶע קִינְדֶער פַאר צְוָואנְצִיג דָאלֶער, אַנְשְׁטָאט הוּנְדֶערְטֶער דָאלֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי הֶעלְפֶערְס, מֶען זָאל נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוערְן וֶוען אֵיינֶער זָאגְט אָדֶער הַאלְט פָאר וְכוּ׳, מֶען דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען יֶעדֶע זַאךְ צוּם הַארְצְן, מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט. מִיר זָאגְט מֶען אוֹיךְ קְרִיטִיק, מִיר בַּאמֶערְקְט מֶען אוֹיךְ, אוּן וֶוען נִישְׁט דִי צַוָואָה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַפָּאר טֶעג אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיךְ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם - וָואלְט אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט צֶעקְרִיגְן מִיט יֶעדֶע צְוֵוייטֶע מֶענְטְשׁ, אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט מִיר פַאר דִי אוֹיגְן דִי פָּנִים פוּן מַיין רֶבִּי, אִיךְ זֶע ווִי מוֹהֲרָא״שׁ בֶּעט מִיר: ׳זַיי מְוַתֵּר, גֶעבּ נָאךְ, זֶע עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם׳; דָאס הַאלְט מִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁפִּילְט נִישְׁט מִיט קַיין קֶעץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, כ׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אוּן אַז אִיר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט כִּמְעַט צְוֵויי הוּנְדֶערְט מָאל. וֶוען אִיר זָאגְט תְּהִלִּים - זָאלְט אִיר אַרַיינְפְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער אוּן אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת, עֶס מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין הִימְל וֶוען מֶען לוֹיבְּט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט תְּהִלִּים.

שְׁפִּילְט נִישְׁט מִיט קַיין קֶעץ; גְלֶעטְס זֵיי נִישְׁט אוּן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט קַיין בַּעֲלֵי חַיִּים, בִּפְרַט אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט לְמַזָּל טוֹב - דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף טָמֵא׳נֶע בַּעֲלֵי חַיִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה, דִי הָאבְּן שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, כ׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי הֲפָצָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה - דִי הָאבְּן שֶׁפַע, דִי הָאבְּן אֵייגֶענֶע הַייזֶער, דִי הָאבְּן אַ קַאר, זֵיי פֶעלְט גָארְנִישְׁט, אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ גֵיין הֲפָצָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס דַארְף מְתַקֵּן זַיין דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - וִוי עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה.

גֵיי הֲפָצָה, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וַוייזְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי", קוּם אוּן זֶע, "כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

שְׁרַייבּ מִיר כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ, אִיךְ ווִיל זַיין צוּגֶעבִּינְדְן מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן גַנֶב'עֶנֶען

"אוֹי וֵויי! וָואס טוּ אִיךְ? דִי הוּנְט אִיז נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט, אוֹי וֵויי, עֶר טַאנְצְט אוֹיפְן טִישׁ! עֶר שְׁפְּרִינְגְט צוּם וָואגְשָׁאל! עֶר דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם גֶעשֶׁעפְט, רַ-א-טֶ-ע-וֶ-ע-ט! וֶוער קֶען מִיר הֶעלְפְן?!"

דָאס הָאט פַּאסִירְט מִיט לַאנְגֶע יָארְן צוּרִיק וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן גֶעגַאנְגֶען הֲפָצָה פוּן טִיר צוּ טִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, מוֹהֲרָא"ש אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְטְן. אַמָאל הָאט פַּאסִירְט, מוֹהֲרָא"ש זֶעט וִוי אַ הִינְט שְׁפְּרִינְגְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דִי הוּנְט שְׁפְּרִינְגְט אוֹיפְן וָואגְשָׁאל, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁטֵייט פוּן דֶער זַייט אוּן וֵויינְט, עֶר פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש: "וָואס מֵיינְט דָאס? וָואס קֶען דָאס זַיין?"

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים: "דֶערְצֵייל מִיר, פוּן וֶוען הָאסְטוּ דֶעם גֶעשֶׁעפְט?" דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט: "דֶער גֶעשֶׁעפְט אִיז גֶעוֶוען מַיין טַאטֶע'ס גֶעשֶׁעפְט, נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן אִיךְ הָאב אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶעם גֶעשֶׁעפְט, אוּן יֶעדֶע פָּאר טֶעג קוּמְט דִי הוּנְט".



אוֹי וֵויי, דִי הוּנְט דְרֵייט שׁוֹין וַוייטֶער אִיבֶער...

מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט דֶעם אִיד צוּ פַארְשְׁטֵיין: "אֶפְשָׁר הָאט מֶען אִין דֶעם גֶעשֶׁעפְט גֶע'גַנֶבְ'עֶט פוּן מֶענְטְשְׁן? דִי וָואג אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, מֶען הָאט אָפְּגֶעפָּאפְּט מֶענְטְשְׁן, און דִי נְשָׁמָה הָאט נִישְׁט קַיין רוּ; אִיר דַארְפְּט בַּאצָאלְן פַאר אַלֶע וָואס מֶען הָאט דָא בַּא'גַנֶבְ'עֶט און בִּיז מֶען וֶועט נִישְׁט בַּאצָאלְן - וֶועט דִי נְשָׁמָה נִישְׁט הָאבְן קַיין מְנוּחָה".

דֶער אִיד פְרֶעגְט: "וִוי קֶען אִיךְ מְתַקֵן זַיין? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶועם צוּ בַּאצָאלְן, וִוי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ וִויסְן וֶועם מֶען הָאט בַּא'גַנֶבְ'עֶט און וִויפִיל?"

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים: "אוֹיבּ מֶען הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט און מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶועם צוּ בַּאצָאלְן - זָאגְט דִי תּוֹרָה - מֶען זָאל מַאכְן צָרְכֵי רַבִּים; זָאלְט אִיר הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרְכֵי רַבִּים".

דֶער אִיד הָאט גֶעגֶעבְן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און וואונְדֶער הָאט פַּאסִירְט, דֶער הוּנְט אִיז מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

וָואס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה? עֶרְשְׁטְנְס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מְפִיצִים, זֵיי גֵייעֶן אַרוּם אִין הַייזֶער און צוּ גֶעשֶׁעפְטְן מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן גַנְבְ'עֶנֶען; אוֹיבּ מֶען גַנְבְ'עֶט - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין רוּ, דְרִיטְנְס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן - אִיז אַלֶעס מְתַקֵן.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "פְּלוּצְלוּנְג אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר, פִינְקְט פַאר מִיר גֶעבְרֶענְגְט צוּ מַיין טִיר, גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְן, עֵצוֹת גֶעגֶעבְן..."



בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com